**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/2/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט דאס ענדגילטיגע שליסונג פון 7-יעריגע ארבעטסקראפט אפמאך מיט געזעץ אינפארסירונג יוניאָן, קאונסיל 82

***קאנטראקט באשטעטיגט מיט איבערוויגנדע קאונסיל 82 מיטגליד שטיצע***

***קאונסיל 82 דעקט קארעקשענס, געזעץ אינפארסירונג און זיכערהייט סופערווייזערס לענגאויס ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס ענדגילטיגע שליסונג פון אַ זיבן-יעריגע ארבעטסקראפט אפמאך מיט דעם ניו יארק סטעיט געזעץ אינפארסירונג באאמטע יוניאָן, קאונסיל 82, AFSCME, AFL-CIO. דער אפמאך, וועלכס לויפט <u>ביז מערץ 31,</u> 2023, האט געווינען צושטימונג פון 94.7 פראצענט פון קאונסיל 82 מיטגלידער וועלכע האבן אריינגעגעבן אַ בעלאָט.

״דער קאנטראקט אפמאך טוט פאסיג און יושר׳דיג פארגוטיגן די שווער-ארבעטנדע מענער און פרויען פון קאונסיל 82,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** איך אפלאדיר די יוניאָן מיטגלידערשאפט פאר שטימען פאר דעם אפמאך, וועלכס אנערקענט די וויכטיגע ארבעט וואס מיטגלידער פון קאונסיל 82 פירן דורך יעדן טאג אין סערווירן ניו יארקער.״

דער געשלאסענער קאנטראקט, וועלכס דעקט קארעקשענס, געזעץ אינפארסירונג און זיכערהייט סופערווייזערס אין דעם דעפארטמענט פון קארעקשענס און קאמיוניטי אויפזיכט, אפיס פאר גייסטישע געזונט, אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס און אנדערע אגענטורן, אנטהאלט אין זיך אַ 2-פראצענטיגע געהאלט העכערונג פאר יעדעס יאר געדעקט דורך דעם 7-יעריגן אפמאך. דער קאנטראקט רעכנט אויך אריין אנדערע העכערונגען צו פארגוטיגונג און געזונטהייט אינשורענס ענדערונגען אין איינקלאנג מיט אנדערע אפמאכן געשלאסן מיט׳ן סטעיט.

**פרעזידענט פון קאונסיל 82 ראנאלד וואלש האט געזאגט,** ״דאס איז אַ יושר׳דיגע און אחריות׳דיגער אפמאך וואס איז אין די בעסטע אינטערעסן פון יעדן — דער סטעיט ניו יארק, די שטייער-צאלער און אונזערע מיטגלידער — און דאס שטימען האט אפגעשפיגלט דעם פאקט. עס ברענגט אַ לאנג-פארשפעטיגטע קאנטראקט צום פארענדיגן, און עס ציייגט די שטארקע שטיצע און אנטשלאסנקייט פון גאווערנער האוקול צו דער סטעיט׳ס קארעקשענס און פובליק זיכערהייט ארבעטער און זייער מיסיע.  קאונסיל 82 איז אויך גאר דאנקבאר פאר די הילף פון AFSCME פרעזידענט לי סאונדערס און די גאנצע AFSCME ניו יארק מאנשאפט דורכאויס די פאראהאנדלונגען פראצעס.  אָן זיי וואלט דער קאנטראקט נישט מעגליך געווען.״

קאונסיל 82 פארטרעט איבער 3,000 טורמע באאמטע, פאליציי באאמטע, געהילף שעריף, עמערדזשענסי דיספעטשער, און אנדערע פובליק זיכערהייט איינגעשטעלטע לענגאויס ניו יארק סטעיט,

אריינגערעכנט די אומגעפער 450 טורמע ליוטענאנטן, הויפט זיכערהייט און אפהיט באאמטע, און זיכערהייט שפיטאל סופערווייזערס אין דעם פאַרהאנדלונגס איינהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418